בס"ד
בהעלותך באי"י תשפ"ג
גליון 143

# דעם רבינ'ס ליכט



אַײַערע קינְדֶער זָאלְט איר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### אַ גוּט שַׁבָּת פַאר אַלֶע אִידְן

אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גֶעפִינְט מֶען זִיךְ אִיצְט אִין פַּרְשַׁת "בְּהַעֲלוֹתְךָ אֶת הַנֵּרוֹת". אִין דִי פַּרְשָׁה בַּאפֶעלְט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וְויאַזוֹי צוּ מַאכְן דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהֵייסְן מַאכְן דִי מְנוֹרָה "מִקְשָׁה זָהָב". מִקְשָׁה אִיז טַייטְשׁ: "אוֹיסְגֶעקְלַאפְּט פוּן אֵיין שְׁטִיק". דִי מְנוֹרָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶעבּוֹיעֶט פוּן שְׁטִיקְלֶעךְ נָאר פוּן אֵיין שְׁטִיק גָאלְד, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעהַאקְט מִיט אַ הַאמֶער.

מִיר הָאבְּן שׁוֹין עֶטְלִיכֶע מָאל אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אַז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז נִצְחִיוּת, עֶס אִיז שַׁיָּיךְ פַאר יֶעדְן אִיד אִין יֶעדְן זְמַן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוֹיף דִי מְנוֹרָה אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען אַן עֵדוּת פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ דָאס אִידִישֶׁע פָאלְק, עֶר בַּארִימְט זִיךְ מִיט זֵיי גָאר שְׁטַארְק. דִי מְנוֹרָה אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעשְׁנִיצְט מִיט שֵׁיינֶע בֶּעכֶערְלֶעךְ אוּן קְנֶעפֶּעלֶעךְ אוּן בְּלוּמֶעלֶעךְ א.ד.ג. דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף אַלֶע סָארְטְן הִתְפָּאֲרוּת וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט פוּן אַלֶע סָארְטְן מֶענְטְשְׁן.

דָאס וַוייזְט אוּנְז דִי מְנוֹרָה, וָואס אִיז גֶעוֶוען מִקְשָׁה. ר' נָתָן טַייטְשׁ אַז "מִקְשָׁה" אִיז פוּן לָשׁוֹן "עַקְשָׁנוּת", מֶען דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן אִין עֲבוֹדַת ה' אִין יֶעדֶע מִצְוָה אוּן גוּטֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט דַארְף מֶען דָאס מַאכְן מִיט עַקְשָׁנוּת.

אַ אִינְגְל וָואס הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ מַאכְן אַ דָבָר שֶׁבִּקְדוּשָּׁה, צוּם בַּיישְׁפִּיל: בֶּענְטְשְׁן נָאר פוּן אִינֶעוֵוייניג, הִיטְן דָאס מוֹיל, נִישְׁט רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, מֶער כָּבוֹד גֶעבְּן פַאר טַאטֶע מַאמֶע, דַארְף עֶר עֶס אָנְהַאלְטְן מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע עַקְשָׁנוּת אוּן דֶער עִיקָּר אִיז טַאקֶע מִיט עַקְשָׁנוּת בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן מִיט דִי קַבָּלוֹת טוֹבוֹת, דֶעמָאלְט וֶועט נִתְגַּלֶּה וֶוערְן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְפָּאֲרוּת וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט דֶעם קִינְד.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט: "מֶען דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן אִין עֲבוֹדַת ה', נִישְׁט נָאכְלָאזְן דִי פְּלַאץ וִוי מֶען אִיז, דָאס מֵיינְט דָאס בִּיסְל עֲבוֹדַת ה' וָואס מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן, אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶס וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף דִיר מְנִיעוֹת אוּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת א.ד.ג." דֶער רֶבִּי זָאגְט: "גֶעדֶענְק דָאס גוּט! וַוייל וֶוען דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן אַבִּיסְל דִינֶען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וֶועסְטוּ דַארְף גֶעדֶענְקֶען אוּן זִיךְ בַּאנוּצְן מִיט דִי עֵצָה."

המשך קומענדיגע זייט



# דער ריינער קוואל

ר׳ נָתָן שְׁרַייבְּט אִין אַ בְּרִיװ: עֶטְס דַארְפְסְט זַיין גְרוֹיסֶע עַקְשָׁנִים מִיט דָאס בִּיסְל עֲבוֹדָה וָואס עֶנְק טוּעְן, אוֹיךְ אִין רָצוֹן דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ זַיין אַן עַקְשָׁן צוּ וֶועלְן אוּן הָאבְּן הִשְׁתּוֹקְקוּת צוּ דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, ווייל אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס קֶען אוֹיף אִים אַרִיבֶּער גֵיין, דֶערְפַאר דַארְף עֶר דָאס גוּט גֶעדֶענְקֶען.

אִין לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת זֶעט מֶען ווִי ר׳ נָתָן בֶּעט זִיךְ בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן: ״הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ זָאל זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן אִין עֲבוֹדַת ה׳, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּמִישְׁט פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט וָואס זָאל מִיר אַרָאפְּוַוארְפְן אָדֶער מְרַחֵק זַיין פוּן דִיר, זָאל זַיין וָואס זָאל נָאר זַיין. אֲפִילוּ עֶס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף מִיר וָואס עֶס זָאל נָאר אַרִיבֶּערְגֵיין זָאל אִיךְ זַיין שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס מוּטְשֶׁען אוּן ווִילְן מִיר שְׁוַואךְ מַאכְן אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין חָלִילָה אַ פַארְלוֹירֶעְנֶער..

הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל זִיךְ הַאלְטְן אִין דִיר אִין דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מִיט וָואס אִיךְ אִיךְ קֶען נָאר, מִיט יֶעדֶע נְקוּדָה טוֹבָה וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִין מִיר. אִיךְ זָאל זִיךְ יֶעדְן טָאג אִין יֶעדֶע צַייט פְרֵייעֶן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל, אוּן אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גּוֹי, שְׁטֶענְדִיג זָאל אִיךְ זוֹכְן אִין מִיר נְקוּדוֹת טוֹבוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְווֹת וָואס יֶעדֶער אִיד פַּארְמָאגְט.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאל שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן פַאר דִי אוֹיגְן דִי הִתְפָּאֲרוּת וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט פוּן אוּנְז, דָאס וֶועט טַאקֶע גוֹרֵם זַיין אַז לְמַעְלָה וֶועט זִיךְ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימֶען אוּן זָאגְן: ״קוּק וָואסֶערֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער אִיךְ הָאבּ דָא אוּנְטְן, דִי נַחַת רוּחַ אוּן שַׁעֲשׁוּעִים וָואס זֵיי מַאכְן מִיר.״ בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין בְּקָרוֹב צוּ זֶען דִי אַלֶע כְּלֵי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מִיט הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה אִין אִיר פְּרַאכְט אוּן לִיכְטִיגְקַייט מִיט אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן אַלֶע צַדִּיקִים אִין הֵיילִיגְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.





צו מנדב זיין די גרויסע הוצאות פונעם
סיום וואס ווערט פארקומען אי״ה ר״ח תמוז
הבעל״ט רופט די עסקנים: 053-4142-537
אדער 347-231-9084



הדפסת הגליון נתנדב
לע״נ הר״ר קלונימוס קלמן בן ר׳ שבתאי ע״ה

~ ~

הגליון נתנדב ע״י הר״ר ישעי׳ פריינד הי״ו
לרגל אירוסי בתו למזל טוב בשטומ״צ

~ ~

הגליון נתנדב ע״י הר״ר אלעזר בלוי הי״ו
לרגל נישואי בתו בשטומ״צ

~ ~

הגליון נתנדב ע״י אברהם יעקב מרדכי שפירא הי״ו
לרגל נישואי בנו הבה״ח שמואל אלימלך בשטומ״צ

# איין מעשה'לע



*דער באשעפער באווייזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*

### אִין זְכוּת פוּן שַׁבָּת

מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען גֶעוֶוען אִין מִירוֹן אוֹיף ל"ג בָּעֹמֶר אוּן גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף שַׁבָּת. וָואס ס'אִיז גֶעשֶׁען אִיז אַז מַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער הָאבְּן גֶעמַאכְט עֶרֶב שַׁבָּת אַ טְשׁוּלֶענְט אוּן גֶעלָאזְט אוֹיפְן פְּלַאם אוּן פַארְגֶעסְן צוּ פַארְלֶעשְׁן מִיר קִינְדֶער זֶענֶען אַלֶע גֶעוֶוען אִינְדְרוֹיסְן, וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים פוּן חֵדֶר זֶע אִיךְ אַלֶע פֶּענְסְטֶער זֶענֶען אָפְן, אוּן דִי וֶוענְט זֶענֶען פַארְרוֹיכֶערְט.

אִיךְ רוּף אָן מֵיין שְׁוֶועסְטֶער אוּן פְּרֶעג אִיר וָואס גֵייט דָא פָאר? עֶנְטְפֶערְט זִי אַז וִויבַּאלְד זִי הָאט נָאר אֵיין שׁוּעֶר, מֵיין קְלֵיין בְּרוּדֶער אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אִיר שְׁטוּבּ, אָבֶער אַזוֹי וִוי זִי הָאט גֶעדַארְפְט אָנְגְרֵייטְן אִירֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער פַאר שַׁבָּת אִיז זִי אַרִיבֶּערְגֶעקוּמֶען צוּ אוּנְז אִין שְׁטוּבּ וַואשְׁן מֵיין בְּרוּדֶער אַזוֹי הָאבְּן זֵיי בַּאמֶערְקְט אַז עֶס בְּרֶענְט זֵייעֶר שְׁטַארְק דֶער טָאפּ, עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָא קַיין זֵכֶר פוּן קַיין טְשׁוּלֶענְט אוּן עֶס הָאלְט בַּיים אוֹיסְפְּלַאצְן אַ שְׂרֵפָה הָאט זִי נָאךְ פּוּנְקְט אִין צַייט גֶעקֶענְט פַארְלֶעשְׁן דָאס פַייעֶר.

מֶען זֶעט דִי הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעפִירְט אַז פּוּנְקְט זָאל מֵיין שְׁוֶועסְטֶער אַרִיבֶּערְקוּמֶען צוּ אוּנְז אִין שְׁטוּבּ וַואשְׁן מֵיין בְּרוּדֶער לְכָבוֹד שַׁבָּת עֶס זָאל קֶענֶען אָפְּהַאלְטְן אַ שְׂרֵפָה חַס וְשָׁלוֹם.

### עֵצָה צוּ אַיינְשְׁלָאפְן זִיס

אַ גוּטְן, אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ אַ שְׁוֶועריקַייט מִיטְן אוֹיפְשְׁטֵיין, אִינְדֶערְפְרִי וֶוען דִי זוּן שַׁיינְט אוֹיף דְרֵיי אִיךְ זִיךְ אַרוּם אוֹיף אַלֶע זַייט פוּן דֶער בֶּעט, אָבֶער אִיךְ זֶע זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס. לְמַעֲשֶׂה הֵייבְּט זִיךְ אָן דֶער פְּרָאבְּלֶעם נָאךְ בַּיים אַיינְשְׁלָאפְן, אַז אִיךְ קֶען בְּשׁוּם-אוֹפָן נִישְׁט פַארְמַאכְן מַיינֶע אוֹיגְן אַזוֹי שְׁנֶעל, דָאס פַארְשְׁלֶעפְּט מִיר אַז אִיךְ שְׁלָאף אַיין שְׁפֶּעט אוּן אִיךְ רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז דֶערִיבֶּער קֶען אִיךְ נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיין נַאכְט בֶּעפָאר מִיר הָאבְּן גֶעדַארְפְט קוּמֶענְדִיגְן אִינְדֶערְפְרִי פָארְן אוֹיף אַ נְסִיעָה, פוּן גְרוֹיס אִיבֶּערְגֶעווּמֶענְקַייט טְרַאכְטְנְדִיג אַלֶעס סָארְטְן מַחֲשָׁבוֹת וְויאַזוֹי דִי נְסִיעָה גֵייט זַיין אִיז מִיר גֶעוֶוען אוּמְמֶעגְלִיךְ אַיינְצוּדְרִימְלֶען,



הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְמַאנְט דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, 'תְּפִלָּה' אוּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען צוּם בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל קֶענֶען אַיינְשְׁלָאפְן, אוּן דִי יְשׁוּעָה הָאט נִישְׁט גֶעשְׁפֶּעטִיגְט, אִיךְ בִּין טִיף אַיינְגֶעשְׁלָאפְן.

אוֹיפְמָארְגְנְס וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צַייט צוּ גֵיין שְׁלָאפְן, אִיךְ גְרֵייט זִיךְ צוּ נֶעגְל-וַואסֶער נֶעבְּן בֶּעט אוּן אִיךְ לֵיין קְרִיאַת שְׁמַע מִיט הַמַּפִּיל, אִיךְ לִיג אִין בֶּעט אָבֶער דָאס מָאל הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעוואוּסְט וֶועלְכֶע מִיטְל אִיךְ דַארְף נוּצְן צוּ קֶענֶען אַיינְשְׁלָאפְן, אוּן אִיךְ הָאבּ טַאקֶע נָאכַאמָאל מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן... וואוּנְדֶערְבַּאר! זַייט דֶעמָאלְטְס שְׁלָאף אִיךְ שׁוֹין אַיין בַּאצַייטְנְס.

אֵין כֹּחֵינוּ אֶלָּא בְּפֶּה! תְּפִלָּה אִיז דִי בֶּעסְטֶע מֶעדֶעצִין פַאר אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי מַעֲשִׂיוֹת פוּן דֶער גִלְיוֹן עֶס אִיז מִיר גָאר מְחַזֵק צוּ אַלֶעמָאל מִתְפַּלֵל זַיין צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

# מֶען גְרֵייט זִיךְ אַט, אַט, אַט...

**לְכָבוֹד דֶעם גְרוֹיסְן סִיוּם פוּן סֵפֶר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת הָאבְּן מִיר אָפְּגֶעהַאלְטְן אַ שְׁמוּעֶס מִיט אַ טַייעֶרֶער אִינְגֶל הַיֶּלֶד הֶחָשׁוּב מֹשֶׁה פְּרִיעֶדְמַאן.**

**אַ גוּטְן מוֹיְשִׁי, אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ אוּנְז דֶערְצֵיילְן אַבִּיסְל וֶוען דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, אוּן וואו דוּ הַאלְטְסְט יֶעצְט?**

יָא, אִיךְ הָאבּ קַיינְמָאל נִישְׁט עֶבְּט גֶעלֶערְנְט סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, נָאר פוּן וֶוען דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְט הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מַאכְן בְּחִינוֹת הָאבּ אִיךְ דָא - דָארְט אַרַיינְגֶעכַאפְּט אַ בְּחִינָה. אָבֶּער לֶעצְטֶע יָאר בַּיים סִיוּם, בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן זֵייעֶר אָנְגֶעוַוארֶעמְט אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען. זַייט דֶעמָאלְט פְּרוּבִּיר אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ לֶערְנֶען יֶעדֶע וָואךְ אוּן ב"ה דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְּט אַז מֶען הַאלְט שׁוֹין יֶעצְט פַאר אַ סִיוּם.

**וִויאַזוֹי פִילְסְטוּ יֶעצְט אַלְס הוֹיפְּט מְחַתֵּן בַּיים סִיוּם אַז דוּ הָאסְט ב"ה זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַאכְן אַן אֵייגֶענֶעם סִיוּם?**

ב"ה, וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען לֶעצְטֶע יָאר בַּיים סִיוּם אוּן גֶעזֶען בְּלִי-עַיִן-הָרָע אַזַא עוֹלָם פוּן אַזוֹיפִיל קִינְדֶער וָואס הָאבְּן ב"ה זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן "גַאנְץ סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת" בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, אוּן אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ גֶעוָואלְט טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה, (אָבֶּער אַזוֹיוִוי לֶעצְטֶע יָאר הָאבְּן זִיךְ דִי קִינְדֶער גֶעשֶׁעמְט צוּ טַאנְצְן, הָאף אִיךְ אַז דָאס יָאר וֶועט אִיר אַלֶע מִיטְטַאנְצְן מִיט מִיר.)

**וָואס קֶענְסְטוּ אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר אַ אִינְגֶל וָואס הָאט דֶערְוַוייל נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּם זַיין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, אוּן וִויל נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶנְדִיגְן?**



קוֹדֶם זַיי מִתְפַּלֵּל, וַוייל אַ אִינְגֶל וָואס בֶּעט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן וֶועט זִיכֶער עֶנְדִיגְן. נָאכְדֶעם פְּרוּבִּיר אַבִּיסְל אוּן נָאךְ אַבִּיסְל בִּיז דוּ וֶועסְט זִיךְ טְרֶעפְן בַּיים לֶעצְטְן בְּלֶעטְל אוּן

דו וועסט זיך שוין קענען מיטפריידן מיט אלע מסיימים ביים קומענדיגן סיום בערך אין א יאר מיט צוויי חדשים ארום בעזר השם.

נאך א נקודה וויל איך ארויסברענגען, אז אפילו אויב עס מאכט זיך אז מען פארפעלט א וואך-צוויי, עס ווערט לעכער, דארף מען זיך נישט דערשרעקן און ווערן איבערגענומען ווייל דער רבי האט דאך געזאגט פאר ר׳ נתן אז דארט וואו ער פארשטייט נישט זאל ער מאכן א סימן מיט א בליי און קומענדיגע מאל ווערט ער עס שוין פארשטיין, אזוי אויך וועט דיינע לעכער ווערן אנגעפולט ביים קומענדיגן מחזור בעז״ה.

אין דעם געלעגנהייט וויל איך אייך באדאנקען און אלע אינגעלייט וואס לייגן אריין אזויפיל כח און מחשבה סיי יעדע וואך ביי די בחינות און סיי יעצט פארן גרויסן מעמד וואס קומט שוין אט אט, און מיט גרויסע טריט, דער אויבערשטער זאל העלפן איר זאלט ווייטער זוכה זיין אריינצוברענגען אין די טייערע קינדער דעם רבי׳נס (דיבורים) מעשיות, עד ביאת המשיח במהרה בימינו אמן.

**א גרויסן יישר כח מוישי פאר דיין טייערע צייט, מזל טוב צו דיין סיום.**

איינמאל ווען דער חדושי הרי״ם זצ״ל איז געווען אויף א ברית האט ער דארט באמערקט דעם ספר ׳ספורי מעשיות׳, ער האט זיך געשטעלט אין א זייט און זיך פארטון אינעם ספר שטייענדיג אזוי עטליכע שעה! דערנאך האט ער זיך אנגערופן: ״אין די ערשטע מעשיות האב איך נאך עפעס פארשטאנען, אבער די לעצטע מעשה פון די זיבן בעטלערס האב איך שוין גארנישט פארשטאנען. נאך האט ער צוגעלייגט [לויט איין גרסה], אז ווער עס פארשטייט די לעצטע מעשה קען ער וויסן דעם סוד פון די גאולה!

~~~~ ~~~~

נאכן דרוקן דעם ספר ספורי מעשיות האט זיך ר׳ נתן אנגערופן: ״מען וועט מיר ארויסלויבן ביי מיין לויה אזוי; ׳דא פירט מען א איד וואס האט געדרוקט דעם ספר ספורי מעשיות!׳״

~~~~ ~~~~

אונזערע לייט זענען געווען געוואוינט אין די לשונות פון הייליגן רבי׳נס ספרים בפרט אין ספר המדות און ספורי מעשיות א.א.וו. אז ווען אונזערע לייט פרעגן זיך פרעגן שאלות און ענטפערס אין זייערע שמועסן און ווערטלעך זענען געווען אריינגעמישט די ווערטער און לשונות פון דעם רבי׳נס ספרים.

~~~~ ~~~~

דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן רשות צו זוכן לויט אונזער מעגליכקייטן, רמזים אין הייליגן ספר ספורי מעשיות וואס ער האט פארציילט. (לקוטי הלכות פסח ט׳)
~~~~

# א שמועס מיט'ן זיידן



## דְּרָכֶיהָ דַרְכֵי נֹעַם

**בֶּערֶעלֶע** - אַ גוּטְן זַיידִי אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילֶעךְ צוּ קוּמֶען דִיר בַּאזוּכְן יֶעדֶע וָואךְ בַּאזוּנְדֶער.

**זֵיידֶע** - אוֹיךְ אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ, אוֹי, אָבֶער בֶּערֶעלֶע וָואס זֶע אִיךְ אוֹיף דַיין פָּנִים? זֶעסְט אוֹיס אַבִּיסל שְׁרֶעקֶעדִיג?

**בֶּערֶעלֶע** - הָא דִי וואוּנְד אוּנְטֶער מַיין אוֹיג? הֶע, סְ'אִיז גָארְנִישְׁט... כְ'הָאבּ עֶס נֶעכְטְן בַּאקוּמֶען...

**זֵיידֶע** - אוֹי, וִוי אַזוֹי? בִּיסְט גֶעפַאלְן חַס וְשָׁלוֹם אָדֶער זִיךְ צֶעקְלַאפְּט עֶרְגֶעץ?

**בֶּערֶעלֶע** - נֵיין, נֵיין נֵיין... דָאס אִיז אַלֶעס וֶועגְן מֵיין בְּרוּדֶער נַפְתָּלִי...

**זֵיידֶע** - דוּ מֵיינְסְט נַפְתָּלִי דַיין קְלֶענֶערֶער בְּרוּדֶער? וָואס גֵייט פָּאר? אִיר זֶענְט דָאךְ בֵּיידֶע זֵייעֶר וואוֹילֶע קִינְדֶער?!

**בֶּערֶעלֶע** - אמ... אִיךְ פִיל זִיךְ אַבִּיסְל פַארְשֶׁעמְט צוּ דֶערְצֵיילְן, סְ'אִיז גֶעשֶׁען אַ נַארִישֶׁע זַאךְ, נֶעכְטְן וֶוען אִיךְ בִּין אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן חֵדֶר הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז מַיין בְּרוּדֶער הָאט גֶענוּמֶען עֶפֶּעס פוּן מַיין לֶעדְל אָן רְשׁוּת, אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַזוֹי דֶערְצֶערְנְט אוּן אִים גֶעזָאגְט שְׁטְרֶענְג עֶר זָאל עֶס שׁוֹין צוּרִיקְלֵייגְן, אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט צוּ טוּהְן גֶעמַאכְט. פוּן גְרוֹיס כַּעַס בִּין אִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי גְלַייזְן אוּן גֶעגֶעבְּן אַ לוֹיף צוּ אַרוֹיסְכַאפְּנְדִיג פוּן זַיין הַאנְט דִי גְנֵיבָה... מַיין בְּרוּדֶער אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג גֶעבְּלִיבְּן... וֶוען מַיין מַאמֶע אִיז גֶעקוּמֶען זֶען וָואס סְ'אִיז גֶעשֶׁען הָאט זִי אוּנְז בֵּיידֶע גֶעטְרָאפְן צֶעקְלַאפְּט אוּן צֶעשְׁטוֹיסְן....

**זֵיידֶע** - אוֹי-וֵויי... אַזַא שָׁאד... צוּ הָאסְטוּ אוֹיפְגֶעטוֹן עֶפֶּעס מִיט דֶעם?

**בֶּערֶעלֶע** - אוֹיפְגֶעטוּהְן? גָארְנִישְׁט! נָאר גֶעבְּלִיבְּן אַ צֶעשְׁטוּרֶעמְטֶער מִיט אַן אוֹיפְגֶעבְּרוֹיזְטֶער בְּרוּדֶער...

**זֵיידֶע** - אַיי אַיי אַיי וִוי דֶער בַּעַל דָבָר פַארְפִירְט אַ קִינְד... דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ז"ל לֶערְנְט אוּנְז "דְרָכֶיהָ דַרְכֵי נֹעַם" דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה אִיז אֵייבִּיג אַ אַנְגֶענֶעמֶע וֶועג! אַז מֶען וִויל אוֹיפְטוּן בַּיי אֵיינֶעם, דַארְף מֶען פּוֹעֶלְ'ן מִיט גוּטְנְ'ס - מִיט רֶעדְן שֵׁיין, אִים בֶּעטְן אַנְגֶענֶעמֶענֶערְהֵייט. נָאכְמֶער זָאגְט דֶער רֶבִּי, אֲפִילוּ אַמָאל דַאכְט זִיךְ אַז מֶען פּוֹעֶלְ'ט יָא מִיט בֵּייזְנְ'ס, עֶס קוּקְט אוֹיס אַז מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט כֹּחַ, מִיט נִישְׁט אַ שֵׁיינֶעם וֶועג אוּן סְ'אִיז גֶעלוּנְגֶען, זָאגְט אָבֶער דֶער רֶבִּי מֶען זָאל גְלֵייבְּן אַז וֶוען מֶען וָואלְט עֶס גֶעטוּן שֵׁיין אוּן אֵיידְל בְּדַרְכֵי נֹעַם וָואלְט מֶען בֶּעסֶער גֶע'פּוֹעֶלְ'ט.

**בֶּערֶעלֶע** - אִין דִי מִינוּט וָואס מֶען וֶוערְט אוֹיפְגֶערֶעגְט זֶעט אוֹיס אַז סְ'אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאן קֵיין אַנְדֶערֶע וֶועג....

**זֵיידֶע** - יָא רִיכְטִיג, אִיךְ וֶועל דִיר עֶרְקְלֶערְן פַארְוָואס. יֶעדֶעס אִידִישׁ קִינְד וִויל זַיין גוּט, אָבֶער אַסַאךְ מָאל קְלֶערְט מֶען אַז זַיין גוּט מֵיינְט אוֹיפְגֶעבְּן אִינְגַאנְצְן, אוֹיבּ אִיךְ וִויל זַיין אַ גוּטֶער דֶעמָאלְטְס מֶעג יֶעדֶער אֵיינֶער עֶפֶּענֶען מַיין לֶעדְל, אוּן מַיינֶע פְּרִיוַואטֶע חֲפָצִים וֶועלְן

זַיין הֶפְקֵר, עֶס וֶועט זִיךְ וַואלְגֶערְן און דְרֵייעֶן בַּיי אַלֶע הֶענְט, בְּקִיצוּר אִיךְ וֶועל וֶוערְן אַ גַאנְצֶער שְׁלִימַזָל... אָבֶּער נִישְׁט דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעמֵיינְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, מֶען קֶען יָא שְׁטֵיין אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע רֶעכְטְן, אָבֶער, נָאר מִיט הֶעפְלִיכְקַייט! בְּדַרְכֵי נֹעַם! מִיט אַ אַנְגֶענֶעמֶע וֶועג, און דֶעמָאלְטְס פַארְדִינְט מֶען צְוֵויי זַאכְן, אֵיינְס, אַז יֶענֶער פַארְשְׁטֵייט טַאקֶע רִיכְטִיג וָואס עֶס בַּאדֶערְט מִיר און קֶען זַיין אַז עֶר גֵייט עֶס מֶער נִישְׁט טוּן, צְווייטְנְ'ס אַרְבֶּעט מֶען זִיךְ אוֹיס דִי מִידָה פוּן כַּעַס.

**בֶּערֶעלֶע** - אִיךְ מֵיין אַז אִיךְ וֶועל אֶפְשָׁר גֵיין רֶעדְן מִיט מֵיין בְּרוּדֶער און אִים מִיטְטֵיילְן ווִי שְׁטַארְק עֶס בַּאדֶערְט מִיר אַז עֶר נֶעמְט מַיינֶע פְּרִיוַואטֶע זַאכְן, און אִים בֶּעטְן עֶר זָאל מִיר פַארְשְׁטֵיין און עֶס מֶער נִישְׁט טוּן, עֶר וֶועט נִישְׁט גְלֵייבְּן וָואס עֶר הֶערְט... ס'וֶועט מִיר זַיין אַבִּיסְל שְׁוֶוער צוּצוּגֵיין רֶעדְן אַזַא אָפֶּענֶע שְׁמוּעֶס, אָבֶער אִיךְ מֵיין אַז סְ'אִיז אַ קִדּוּשׁ ה' און אַ גוּטֶע מוּסְטֶער צוּ זֶען ווִי שֵׁיין און עֶרְלִיךְ אַ אִינְגְל וָואס לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פִּירְט זִיךְ אוֹיף.

**זֵיידֶע** - מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער שַׁמָּשׁ אִין קְלוֹיז. ר' נַחְמָן הָאט גֶעהַאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע תְּמִימוּת און פְּשִׁיטוּת, כָאטְשׁ עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער נָאנְטְסְטֶער תַּלְמִיד פוּן ר' נָתָן, און עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין עֲבוֹדַת ה', פָּארְט הָאט עֶר בִּתְמִימוּת גֶערֵיינִיגְט דֶעם בֵּית מִדְרָשׁ און מְסַדֵּר גֶעוֶוען דִי סְפָרִים און אַלֶע גֶעבְּרוּיכְן וָואס מֶען דַארְף כְּסֵדֶר טוּן אִין שׁוּל. אֵיינְמָאל אִין אַ פְרֵייטָאג עֶרֶב-שַׁבָּת נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט אוֹיפְגֶערוּמְט שֵׁיין דֶער קְלוֹיז און אוֹיסְגֶעלֵייגְט דִי ווַייסֶע טִישְׁטֶעכֶער אוֹיף דִי טִישְׁן לִכְבוֹד שַׁבָּת, אִיז אַרַיינְגֶעלָאפְן אַ ווִילְדֶער אִינְגְל אִין שׁוּל, און אָן טְרַאכְטְן צְוֵויי מָאל הָאט עֶר אָנְגֶעכַאפְּט אַ בַּאנְק נָאךְ אַ בַּאנְק און אִיבֶּערְגֶעקֶערְט.. בֶּערֶעלֶע, נָארְמַאלֶערְהֵייט, וָואס וָואלְט מֶען גֶעטוּהְן פַאר אַזַא אִינְגְל?

**בֶּערֶעלֶע** - מֶען וָואלְט אִים אָנְגֶעכַאפְּט און אָנְגֶעהַאקְט דִי זַייטְן און אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן שׁוּל...

**זֵיידֶע** - אַזוֹי? ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ גֶעקְלֶערְט... עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם קִינְד און זִיךְ צוּ אִים אַרָאפְּגֶעבּוֹיגְן, גֶעלֵייגְט אַ הַאנְט אוֹיף זַיין פְּלֵייצֶע און גֶעפְרֶעגְט: "אִיךְ קֶען דִיר אֶפְשָׁר הֶעלְפְן??" דֶער אִינְגְל אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטִיל און צֶעמִישְׁט, אוֹיף דֶעם הָאט עֶר זִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעגְרֵייט... תַּכְלִית, ר' נַחְמָן הָאט אִים אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט און נִישְׁט גֶעלָאזְט מַאכְן אִיבֶּערְקֶערֶענִישְׁן, אָבֶער ווִי אַזוֹי? מִיט אַ שֵׁיינֶעם וֶועג! מִיט גֶעדוּלְד, בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד. שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער אִינְגְל שְׁנֶעל אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן שׁוּל און גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ אַז דֶער שַׁמָּשׁ פוּן דֶער בְּרֶסְלֶ'בֶער קְלוֹיז אִיז אַ קְלוּגֶער און בַּאגְלֵייבְּטֶער מֶענְטְשׁ, פוּן דֶעמָאלְטְס אִיז דָאס קִינְד גֶעקוּמֶען אָפְט זִיךְ שׁוֹאֵל עֵצָה זַיין און רֶעדְן מִיט ר' נַחְמָן אוֹיף פְרַאגֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, בִּיז עֶר אִיז אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אַ עֶרְלִיכֶער אִיד.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן בֶּערֶעלֶע, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶעם, דָאס קוּמְט נִישְׁט אַן אִין אֵיין טָאג, אָבֶער אוֹיבּ וֶועסְטוּ גֵיין אִין דִי לִיכְטִיגֶע וֶועג פוּן דַרְכֵי נֹעַם, וֶועסְטוּ הָאבְן אַ שֵׁיין לֶעבְן.

# שִׂיחוֹת שֶׁאַחַר הַמַּעֲשִׂיּוֹת




## א – דִי 'הֶענְג-לַייכְטֶער'

מַעֲשֶׂה! – אֵיינֶער אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן זַיין טַאטְן, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אַנְדֶערֶע לֶענְדֶער, אַסַאךְ צַייט, בַּיי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן!

אוּן נָאךְ אַ שְׁטִיקְל צַייט, אִיז עֶר [צוּרִיק] גֶעקוּמֶען צוּ זַיין טַאטְן! – אוּן עֶר הָאט זִיךְ בַּארִימְט: "אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעלֶערְנְט דָארְט אַ גְרוֹיסְן פַאךְ – צוּ מַאכְן אַ 'לַייכְטֶער וָואס הֶענְגְט'! מְ'רוּפְט דָאס: אַ 'הֶענְג-לַייכְטֶער'!

אוּן עֶר הָאט גֶעהֵייסְן: "[אַז] מְ'זָאל צוּזַאמְנֶעמֶען אַלֶע פַאכְלַייט וָואס קֶענֶען דָאס מַאכְן! אוּן עֶר וֶועט זֵיי וַוייזְן זַיין חָכְמָה אִינֶעם דָאזִיגְן פַאךְ"!

אוּן זַיין טַאטֶע הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּהְן – עֶר הָאט צוּזַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע פַאכְלַייט וָואס קֶענֶען דָאס מַאכְן – אַז זֵיי זָאלְן זֶעהְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין זוּהְן, וָואס עֶר הָאט אוֹיפְגֶעטוּהְן, דוּרְכְאוֹיס דִי צַייט וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן!

אוּן דֶער זוּהְן הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען 'אֵיין לַייכְטֶער' וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט! – אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְמִיאוּסְ'ט אִין אַלֶעמֶענְס אוֹיגְן!

אוּן זַיין טַאטֶע אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ זֵיי, אוּן הָאט זֵיי גֶעבֶּעטְן: "אַז זֵיי זָאלְן אִים מְגַלֶּה זַיין דֶעם אֱמֶת"! – אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעמוּזְט אוֹיסְזָאגְן דֶעם אֱמֶת: "אַז דָאס אִיז זֵייעֶר מִיאוּס"!

אוּן דֶער זוּהְן הָאט זִיךְ בַּארִימְט: "עֶטְס הָאטְס דָאךְ גֶעזֶעהְן דָאס קְלוּגְשַׁאפְט פוּן מַיין פַאךְ"?!

הָאט אִים זַיין טַאטֶע גֶעלָאזְט וִויסְן: "אַז סְ'זֶעהְט נִישְׁט אוֹיס גוּט בַּיי קֵיינֶעם"!

הָאט אִים דֶער זוּהְן גֶעזָאגְט: אַדְרַבָּא! פוּנְקְט פַארְקֶערְט! מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ זֵיי בַּאוִויזְן מַיין 'גְרוֹיסְקֵייט'! – וַוייל אִיךְ הָאבּ זֵיי אַלֶע גֶעוִויזְן, זֵייעֶר 'חִסָּרוֹן'! וַוייל אִינֶעם דָאזִיגְן 'הֶענְג-לַייכְטֶער', גֶעפִינֶען זִיךְ דִי 'חֶסְרוֹנוֹת' פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן דִי 'דָאזִיגֶע פַאכְלַייט' וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ דָא!

גִיבּ נָאר אַ קוּק וֶועסְטוּ זֶעהְן: אַז בַּיי אֵיינֶעם, אִיז מִיאוּס דָאס 'דָאזִיגְן שְׁטִיקְל'! אָבֶּער אַ 'אַנְדֶערֶע שְׁטִיקְל', אִיז בַּיי אִים זֵייעֶר שֵׁיין! – אוּן בַּיי אַ צְוֵוייטְן אִיז פוּנְקְט פַארְקֶערְט! נָאר אַדְרַבָּא! דָאס 'דָאזִיגְן שְׁטִיקְל' וָואס אִיז מִיאוּס בַּיי זַיין חָבֵר – אִיז בַּיי אִים, שֵׁיין אוּן וואוּנְדֶערְלִיךְ אִין זַיינֶע אוֹיגְן! נָאר דָאס 'דָאזִיגְן [אַנְדֶערְן] שְׁטִיקְל' אִיז בַּיי אִים מִיאוּס!

אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בַּיי אַלֶע אַנְדֶערֶע פוּן זֵיי: אַז דָאס וָואס סְ'אִיז שְׁלֶעכְט בַּיי דֶעם, אִיז שֵׁיין בַּיי זַיין חָבֵר! – אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט!

אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט [צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט] דֶעם דָאזִיגְן 'הֶענְג-לַייכְטֶער', בְּלוֹיז פוּן זֵייעֶרֶע 'חֶסְרוֹנוֹת' אַלֵיין! – כְּדֵי דֶערְמִיט צוּ וַוייזְן פַאר זֵיי אַלֶע: אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שְׁלֵימוּת! אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַ 'חִסָּרוֹן'! – וַוייל וָואס סְ'אִיז שֵׁיין אִין זַיינֶע אוֹיגְן, אִיז אַ 'חִסָּרוֹן' בַּיי זַיין חָבֵר!

אָבֶּער בֶּאֱמֶת – קֶען אִיךְ מַאכְן [אַ שְׁלֵימוּת'דִיגֶע 'הֶענְג־לַייכְטֶער'] וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין [אָן קַיין שׁוּם חֶסְרוֹנוֹת]!

[זָאגְט רַבֵּינוּ ז"ל]: אוֹיבּ מְ'וָואלְט גֶעוואוּסְט אַלֶע 'חֶסְרוֹנוֹת' אוּן 'אָפְּהַאלְטוּנְג' [מְנִיעוֹת] פוּן אַ זַאךְ – וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט וִויסְן דִי 'אֵייגְנְשַׁאפְט' פוּן דִי זַאךְ – אֲפִילוּ מְ'הָאט דָאס קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶעהְן!

## ב – גְּדוֹלִים מַעֲשֵׂי הַשֵּׁם

[פַאר שַׁבָּת חֲנוּכָּה – שְׁנַת תקס"ה]

[דִי אַיינְגֶערִינְגֶעלְטֶע הוֹסָפוֹת () אִינֶעם דָאזִיגְן שִׂיחָה, אִיז גֶענוּמֶען פוּן: 1) שִׂיחוֹת־הָרַ"ן שו. 2) חַיֵּי־מוֹהֲרַ"ן עה. 3) הַקְדָּמָה שְׁנִיָּה לְסֵפֶר־הַמִּדּוֹת].

(דֶער דָאזִיגֶער שִׂיחָה, בַּאלַאנְגְט צוּ 'סֵפֶר־הַמִּדּוֹת' (דַּעַת ח"ב א) – וָואס הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט דִי דָאזִיגֶע וֶוערְטֶער: "זָאלְסְט וִויסְן: אַז צוּ אַלֶע עוֹלָמוֹת אוּן צוּ יֶעדְן בַּאשֶׁעפֶענִישׁ" וְכוּ'! – עֶס זֶעהְט מִיר אוֹיס: אַז דָאס בַּאלַאנְגְט צוּם 'דָאזִיגְן שְׁמוּעֶס' וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן זַיין הֵיילִיגְן מוֹיל – פַאר שַׁבָּת חֲנוּכָּה שְׁנַת תקס"ה – פוּן דֶעם עִנְיָן וָואס רֶעדְט זִיךְ פוּן דִי בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן פוּן דִי וֶועלְט).

"גְּדוֹלִים מַעֲשֵׂי הַשֵּׁם" [תְּהִלִּים קיא, ב]. "גְרוֹיס זֶענֶען דִי וֶוערְק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"! – "אֵיין מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט גְלַייךְ צוּם אַנְדֶערְן! אוּן אַלֶע צוּרוֹת [אוּן אַלֶע בִּילְדֶער, פוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן], זֶענֶען גֶעוֶוען אִין 'אָדָם־הָרִאשׁוֹן'" [סַנְהֶדְרִין פ"ד מ"ה].

דָאס הֵייסְט: אַז אִין דָאס וָוארְט "[נַעֲשֶׂה] אָדָם" [בְּרֵאשִׁית א, כו] אַלֵיינְס, זֶענֶען גֶעוֶוען אַרַיינְגֶערֶעכְנְט [עֶס עֶנְטְהַאלְט אִין זִיךְ] דִי אַלֶע צוּרוֹת [אַלֶע סָארְט גֶעשְׁטַאלְטְן פוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער וֶועלְט]!

(אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי וֶוערְטֶער פוּן: "בְּהֵמָה וְחַיָּה" וְכוּ' [בְּרֵאשִׁית א, כד], וָואס שְׁטֵייט בַּיי דִי 'מַעֲשֵׂה־בְּרֵאשִׁית' – אִיז אִינֶעם דָאזִיגְן וָוארְט,

אוֹיךְ אַרײַנְגֶערֶעכְנְט [דָאס עֶנְטְהַאלְט אִין זִיךְ] אַלֶע גֶעשְׁטַאלְטְן פוּן יֶעדְן בְּהֵמָה אוּן חַיָּה).

**און אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן** [בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן]**! – אַלֶע "מְאוֹרוֹת"** [לֶעכְטִיגְקַייט – בַּאלַייכְטֶערְס]**, זֶענֶען גֶעוֶוען אַרײַנְגֶערֶעכְנְט אִינֶעם וָוארְט "אוֹר"** [בְּרֵאשִׁית א, ג] **אַלֵיינְס! – און אַזוֹי אוֹיךְ אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן – דְהַיְינוּ: אַלֶע 'מַעֲשֵׂה־בְרֵאשִׁית'! – און אֲפִילוּ דִי 'בְּלֶעטֶער פוּן אַ בּוֹים', אִיז נִישְׁט גְלַייךְ, אֵיינְס צוּם אַנְדֶערְן!**

**און עֶר** [רַבֵּינוּ זַ"ל] **הָאט זֵייעֶר מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען אִינֶעם דָאזִיגְן זַאךְ! – און עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט: אַז ס'אִיז פַארְהַאן אוֹיף דֶער וֶועלְט** [אַזֶעלְכֶע] **'חָכְמוֹת', וָואס מְ'קֶען לֶעבְן מִיט דִי 'חָכְמוֹת' אַלֵיינְס, אָן קַיין שׁוּם עֶסְן און טְרִינְקֶען** [זֶעה זֹהַר בְּשַׁלַּח סב.]**! – וַוייל אֲפִילוּ אוֹיף 'דֶער וֶועלְט' אִיז פַארְהַאן 'וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן' און 'הוֹיכֶע פָארְכְטִיגֶע חָכְמוֹת', וָואס מְ'קֶען לֶעבְן מִיט זֵיי** [דִי דָאזִיגֶע חָכְמוֹת] **אַלֵיינְס, אָן קַיין שׁוּם עֶסְן און טְרִינְקֶען!**

**און עֶר הָאט דֶעמָאלְט מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען, מִיט אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע און פָארְכְטִיגֶע שְׁמוּעֶס.** (און מִיר הָאבְן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען דָאס אַרָאפְּצוּשְׁרַייבְּן).

## ג – דֶער 'פְּלוּמְפּ'

[שָׁבוּעוֹת – שְׁנַת תקס"ז]

(דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם 'פֶערְד מִיטְן פְּלוּמְפּ', אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן **שָׁבוּעוֹת שְׁנַת תקס"ז** אִין דִי שְׁטָאט זַאסְלַאב. חַיֵּי־מוֹהֲרַ"ן נט)

[דִי אַיינְגֶערִינְגֶעלְטֶע הוֹסָפוֹת () אִינֶעם דָאזִיגְן שִׂיחָה, אִיז גֶענוּמֶען פוּן: 1) חַיֵּי־מוֹהֲרַ"ן קנא. 2) שִׂיחַ־שַׂרְפֵי־קֹדֶשׁ הֶחָדָשׁ ח"ג תתיד, מִכְּתַב־יַד רַבִּי נַפְתָּלִי זַ"ל].

**[אוֹת א] לְגַבֵּי דִי זַאךְ וָואס מְ'הָאט פַארְצֵיילְט פוּן אֵיינֶעם** (פוּן אוּנְזֶערֶע חֲבֵרִים)**: וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אִין אַ גְרוֹיסְן שְׁטָאט פוּן דִי גוֹיִ'שֶׁע שְׁטֶעט** (אִין פֶּעטֶערְבּוּרְג)**, און עֶר הָאט זִיךְ דָארְט אוֹיפְגֶעהַאלְטְן אַסַאךְ צַייט – וַוייל יֶעדְן מָאל הָאט זִיךְ אִים צוּגֶעדַאכְט: "אַז 'יֶעצְט' וֶועט עֶר אוֹיפְטוּהְן"! – און אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדְן מָאל** [הָאט זִיךְ אִים אַזוֹי צוּגֶעדַאכְט]**! – אַז עֶר הָאט זִיךְ** [צוּלִיבּ דִי דָאזִיגֶע דִמְיוֹנוֹת] **זֵייעֶר אַסַאךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטְן דָארְט!**

(אִין 'חַיֵּי־מוֹהֲרַ"ן' קנא, שְׁרַייבְּט מוֹהַרְנַ"ת זַ"ל: און דַאן אִין יֶענֶע יָאהְר [שְׁנַת תקס"ז], הָאבּ אִיךְ גֶעמוּזְט זַיין פַארְוָואגְלְט פוּן מַיין פְּלַאץ פוּן 'נֶעמְרוֹב', קַיין 'מָאהְלִיב'! – און אִין יֶענֶעם יָאהְר זֶענֶען צוּמִישְׁט גֶעוָוארְן אַסַאךְ פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט! **רַבִּי אַבְרָהָמְ'טְשֶׁע אִיז גֶעוֶוען אִין פֶּעטֶערְבּוּרְג!** און אַסַאךְ זֶענֶען זֵייעֶר צוּמִישְׁט גֶעוָוארְן! – און רַבֵּינוּ זַ"ל אַלֵיינְס אִיז אִין יֶענֶעם יָאהְר גֶעוֶוען נָע־וָנָד, בַּיי דִי גְרוֹיסֶע נְסִיעָה וְכוּ')!

**און עֶר** [רַבֵּינוּ זַ"ל] **הָאט גֶעזָאגְט: אַז אַזוֹי גֵייט דֶער סֵדֶר וֶוען מְ'קוּמְט אָן צוּ אַזֶעלְכֶע פְּלֶעצֶער, אַז יֶעדְן מָאל דַאכְט זִיךְ: "יֶעצְט וֶועל אִיךְ אוֹיפְטוּהְן! יֶעצְט וֶועל אִיךְ אוֹיפְטוּהְן"!**

**[אוֹת ב] און עֶר הָאט פַארְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה: אַז אֵיינְמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ, וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אִין דֶעם וָואס דִי וֶועלְט זָאגְט: "אַז ס'אִיז פַארְהַאן 'לֵצִים' פוּן דִי 'סִטְרָא־אַחֲרָא', וָואס זֵיי קוּמֶען צוּמָאל און פַארְנַארְן דִי מֶענְטְשְׁן, אַזוֹי־וִוי ס'הָאט שׁוֹין אַסַאךְ מָאל פַּאסִירְט! – און 'יֶענֶער מֶענְטְשׁ' הָאט נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט דֶערִין!**

**אֵיינְמָאל בַּיינַאכְט – קוּמְט צוּ אִים עֶפֶּעס אַ 'לֵץ', און עֶר רוּפְט אִים אַרוֹיס: "אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אִינְדְרוֹיסְן"! – און עֶר גֵייט אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן! און דֶער 'לֵץ' וַוייזְט אִים: "אַז עֶר הָאט אַ 'שֵׁיינֶעם פֶערְד' צוּ פַארְקוֹיפְן"!**

**און עֶר זֶעהְט: "אַז דָאס אִיז טַאקֶע 'זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶעם פֶערְד'! – און עֶר פְרֶעגְט אִים** [פוּנֶעם 'לֵץ']**: "וִויפִיל ווִילְסְטוּ דֶערְפַאר"?! – עֶנְטְפֶערְט אִים דֶער 'לֵץ': "פִיר רֶענְדְלֶעךְ"! – און עֶר זֶעהְט: "אַז דָאס אִיז רוּאִיגֶערְהֵייט וֶוערְט 'אַכְט רֶענְדְלֶעךְ', וַוייל ס'אִיז 'זֵייעֶר־אַ־גוּטֶע אוֹיסְדֶערְוֶועלְטֶע פֶערְד'!**

**הָאט עֶר אָפְּגֶעקוֹיפְט פוּן אִים דָאס 'פֶערְד', פַאר 'פִיר רֶענְדְלֶעךְ'! – און דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אַ 'גְרוֹיסֶע מְצִיאָה'!**

**אוֹיפְצוּמָארְגְנְס, נֶעמְט עֶר אַרוֹיס דָאס 'פֶערְד' צוּ פַארְקוֹיפְן! – און זֵיי זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען** [זִיךְ מִתְוַוכֵּחַ גֶעוֶוען] **אוֹיפְן פְּרַייז, און הָאבְן אִים גֶעוָואלְט גֶעבְן עֶפֶּעס אַ סְכוּם גֶעלְט! – הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "מִן־הַסְתָּם אוֹיבּ זֵיי גֶעבְן מִיר אַזַא סְכוּם, אִיז** [אַ רְאָיָה אַז] **דָאס אִיז דָאפְּלְט וֶוערְט"! – און עֶר הָאט נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען** [דָאס צוּ פַארְקוֹיפְן פַארְן סְכוּם וָואס זֵיי הָאבְן אִים גֶעוָואלְט גֶעבְן]**!**

**הָאט עֶר וַוייטֶער אַוֶועקְגֶעפִירְט דָאס 'פֶערְד'! און מֶען הָאט אִים שׁוֹין גֶעוָואלְט גֶעבְן דָאפְּלְט וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט! – הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "מִן־הַסְתָּם אִיז דָאס וֶוערְט נָאךְ מֶער וִוי דָאפְּלְט פוּן דֶעם סְכוּם** [וָואס מְ'הָאט אִים יֶעצְט גֶעוָואלְט גֶעבְן]**"!**

**אַזוֹי פִירְט עֶר דֶעם 'פֶערְד' נָאךְ וַוייטֶער! – בִּיז ס'אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען דִי פְּרַייז פוּן פַארְקוֹיפְן דֶעם פֶערְד, צוּ 'טוֹיזְנְטֶערְס'! – און עֶר אִיז זִיךְ מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט דוּרְכְגֶעקוּמֶען, דָאס צוּ פַארְקוֹיפְן! וַוייל וֶועלְכְן פְּרַייז מְ'הָאט אִים נָאר גֶעוָואלְט גֶעבְן דֶערְפַאר, הָאט עֶר**

גֶעזָאגְט: ״מִן־הַסְתָּם אִיז דָאס וֶועט נָאךְ מֶער וִוי דָאפְּלְט [פוּנֶעם סְכוּם וָואס מְ׳ווִיל אִים גֶעבְּן]״! – בִּיז סְ׳אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיינֶער וָואס הָאט דָאס גֶעקֶענְט קוֹיפְן, נָאר דֶער ׳קֶענִיג׳!

הָאט עֶר דָאס גֶעפִירְט צוּם ׳קֶענִיג׳! – אוּן דֶער ׳קֶענִיג׳ הָאט אִים גֶעוָואלְט גֶעבְּן דֶערְפַאר, אַ ׳רִיזִיגְן סְכוּם גֶעלְט׳! וַוייל דֶער ׳פֶערְד׳ אִיז זֵייעֶר ווּאוּיל־גֶעפֶעלְן פַאר יֶעדְן אִין דִי אוֹיגְן!

אוּן עֶר הָאט זִיךְ מִיטְן ׳קֶענִיג׳ אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דוּרְכְקוּמֶען! – וַוייל עֶר הָאט גֶעזָאגְט [דֶער דָאזִיגֶער מֶענְטְשׁ]: ״מִן־הַסְתָּם אִיז דָאס וֶוערְט מֶער״! – בִּיז דֶער ׳קֶענִיג׳ הָאט שׁוֹין אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקוֹיפְט דָאס ׳פֶערְד׳!

**[אוֹת ג]** אוּן עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּנֶעם ׳קֶענִיג׳ מִיטְן ׳פֶערְד׳, דָאס אָנְצוּטְרֶענְקֶען! – אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ ׳פְלוּמְפ׳ וָואס פוּן דֶעם גִיבְּט מֶען צוּ טְרִינְקֶען! [אַזַא סָארְט ׳וַואסֶער טַאנְק׳ מִיט אַ ׳קְרַאן׳ – וָואס מְ׳זֶעהְט דָאס נָאךְ הַיינְט אִין ׳אוּקְרַיינֶע׳ אִינְדְרוֹיסְן אוֹיפְן גַאס]! – אוּן דָאס ׳פֶערְד׳ אִיז אַרַיינְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען אִינֶעם ׳פְלוּמְפ׳, אוּן אִיז דָארְט נֶעְלַם גֶעוָוארְן, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט דָא! – דָאס הֵייסְט: אַז סְ׳הָאט זִיךְ אִים נָאר אַזוֹי צוּגֶעדַאכְט [גֶעדְמְיוֹנְ׳ט]! וַוייל דִי גַאנְצֶע זַאךְ מִיטְן ׳פֶערְד׳, אִיז נָאר גֶעוֶוען אַ ׳מַעֲשֵׂה־לֵצִים׳!

הָאט עֶר זֵייעֶר גֶעשְׁרִיגְן דֶערוֹיף! – הָאבְּן זִיךְ דָארְט צוּנוֹיפְגֶעקוּמֶען מֶענְטְשְׁן, צוּם קוֹל פוּן זַיין גֶעשְׁרֵיי, אוּן הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט: ״וָואס שְׁרֵייסְטוּ״! – הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אַז זַיין ׳פֶערְד׳ אִיז אַרַיינְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען אִינֶעם ׳פְלוּמְפ׳״!

הָאבְּן זֵיי אִים [דֶעם דָאזִיגְן מֶענְטְשׁ] צוּזַאמֶעןגֶעשְׁלָאגְן, ״צוּהַאקְט אוּן צוּבַּאלְט״ [מְלָכִים־א כ, לז], וַוייל עֶר זֶעהְט אוֹיס וִוי אַ ׳מְשׁוּגָע׳נֶער! – וַוייל דָאס ׳לָאךְ פוּנֶעם פְלוּמְפ׳ אִיז זֵייעֶר שְׁמָאל, אִיז וִויאַזוֹי קֶען זַיין אַז דִי ׳פֶערְד׳ זָאל דָארְט אַרַיינְשְׁפְּרִינְגֶען?!

הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: אַז מְ׳שְׁלָאגְט אִים! אוּן עֶר זֶעהְט אוֹיס וִוי אַ מְשׁוּגָע׳נֶער! – הָאט עֶר גֶעוָואלְט אַוֶועקְגֵיין פוּן דָארְט! – אִינְצְווִישְׁן וִוי עֶר ווִיל נָאר אַוֶועקְגֵיין פוּן דָארְט, הָאט דֶער ׳פֶערְד׳ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיסְצוּשְׁטְרֶעקְן זַיין קָאפּ פוּנֶעם ׳פְלוּמְפ׳! – הָאט עֶר [דֶער דָאזִיגֶער מֶענְטְשׁ] נָאכְאַמָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייעֶן: ״גֶעוַואלְד! גֶעוַואלְד״! – וַוייל סְ׳הָאט זִיךְ אִים צוּגֶעדַאכְט: ״אַז זַיין ׳פֶערְד אִיז דָארְט״!

הָאבְּן זִיךְ דִי מֶענְטְשְׁן נָאכְאַמָאל צוּזַאמֶעןגֶעזַאמְלְט צוּ אִים, אוּן אִים נָאכְאַמָאל אָנְגֶעשְׁלָאגְן! וַוייל עֶר אִיז ׳מְשׁוּגָע׳, וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט! – אוּן עֶר הָאט נָאכְאַמָאל גֶעוָואלְט אַוֶועקְגֵיין פוּן דָארְט! – וִוי נָאר עֶר ווִיל גֵיין, אָט שְׁטְרֶעקְט זִיךְ דֶער ׳פֶערְד׳ נָאכְאַמָאל אַרוֹיס זַיין קָאפּ פוּנֶעם ׳פְלוּמְפ׳! – הָאט עֶר [דֶער מֶענְטְשׁ] נָאכְאַמָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייעֶן, וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט! – הָאבְּן זֵיי זִיךְ נָאכְאַמָאל צוּזַאמֶעןגֶעזַאמְלְט צוּ אִים! אוּן אִים [נָאכְאַמָאל] גֶעשְׁלָאגְן, וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט!

**[אוֹת ד]** (דֶער נִמְשָׁל אִיז): דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ: אַז דִי סִטְרָא־אַחֲרָא פַארְנַארְט יֶעדְן מָאל דֶעם מֶענְטְשׁ, אוֹיף גָארְנִישְׁט, מִיט אַ ׳רִיכְטִיגֶער שֶׁקֶר׳ וָואס אִיז גָארְנִישְׁט דָא דֶערִין! – אוּן עֶר וֶוערְט אִיבֶּערְגֶערֶעדְט נָאךְ אִיר, אוּן עֶר גֵייט נָאךְ אִיר! אוּן יֶעדְן מָאל דַאכְט זִיךְ אִים צוּ: ״אַז עֶר וֶועט מֶער פַארְדִינֶען! אוּן מֶער עֶרְפִילְן זַיין ׳גְלוּסְטוּנְג׳ [תַּאֲוָה]״! – אוּן עֶר לוֹיפְט נָאךְ אִיר אַסַאךְ צַייט! – אוּן פְלוּצְלִינְג וֶוערְן זֵיי נֶעְלָם! אוּן אַלֶע זַיינֶע ׳גְלוּסְטוּנְגֶען׳ [תַּאֲווֹת], אַנְטְלוֹיפְן אוּן וֶוערְן צוּרִינֶען!

אַזוֹי־וִוי עֶס פַאסִירְט צוּמָאל: אַז אַלֶע ׳גְלוּסְטוּנְגֶען׳ [תַּאֲווֹת] גֵייעֶן אַבִּיסְל אַוֶועק! אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ ווִיל זִיךְ צוּשֵׁיידְן פוּן זֵיי, דַאן קוּמֶען זֵיי צוּרִיק אוּן שְׁטְרֶעקְן זִיךְ אַרוֹיס זֵייעֶר קָאפּ! אוּן עֶר יָאגְט זֵיי נָאכְאַמָאל נָאךְ! – אוּן אַזוֹי פִירְט זִיךְ דָאס וַוייטֶער: אַז גְלַייךְ וִוי זֵיי שְׁטְרֶעקְן נָאר אַרוֹיס זֵייעֶר קָאפּ, יָאגְט עֶר זֵיי נָאכְאַמָאל נָאךְ! – אוּן [רַבֵּינוּ זַ״ל] הָאט דָאס נִישְׁט עֶרְקְלֶערְט מֶער! – אוּן פַארְשְׁטֵיי גוּט!

## ד – אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ גְרוֹיסְן צַדִּיק

סְ׳הָאט פַאסִירְט אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ צַדִּיק, וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק! – וָואס אִיז עֶר אִינְגַאנְצְן אִינְגַאנְצְן אַרוֹיס בִּשְׁלֵימוּת פוּן דִי תַּאֲוָה, וִוי סְ׳דַארְף צוּ זַיין!

אוּן עֶר אִיז אַרוֹיף אִין דִי ׳עוֹלָמוֹת עֶלְיוֹנִים׳! – אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן: וִוי סְ׳לִיגְט אִין אַ ׳טָאפּ׳, שְׁטִיקֶער פְלֵייש מִיט בֵּיינֶער! – הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: ״וָואס אִיז דָאס״?! – הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ ׳יְפַת־תּוֹאַר׳ – אוּן דָאס קוּמְט אִיר, וַוייל זִי הָאט גֶעזִינְדִיגְט״!

[זָאגְט דֶער רֶבִּי]: פוּן דֶעם קֶען מֶען זֶעהְן דִי שַׁאנְדֶע פוּן דִי תַּאֲוָה! – אוֹיבּ וֶועט מֶען אִיר צוּשְׁנַיידְן אוֹיף שְׁטִיקֶער, וֶועט דֶען נָאךְ אַלְץ שַׁייךְ זַיין דִי תַּאֲוָה?!

**דער געווינער אויף די בעטלערס בחינה נומער 7 איז ה. ברוין, בית שמש**
**דער געווינער אויף די בעטלערס בחינה 8 איז גדלי' צוקער, ירושלים**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל,**
**02-5-3333-72**
**646-585-3040**

# בחינה אויף סיפורי מעשיות
## די שיחות פון נאך סיפורי מעשיות - (1)

**א. מיט וועלכע פאך האט זיך דער זוהן באריימט אז ער האט עס געלערנט?**
❑ שוסטעריי
❑ שלייפן דימאנטן
❑ צו מאכן א הענג לייכטער

**ב. וועמען האט דער טאטע געברענגט צו ווייזן די חכמה פון זיין זוהן?**
❑ די גאנצע מדינה
❑ אלע פאך לייט
❑ אלע פאכלייט פון די פאך מיט וואס דער זוהן האט זיך באריימט

**ג. איז זיי געפעלן דאס וואס דער זוהן האט געמאכט?**
❑ זיכער
❑ ס'איז פאר קיינעם נישט געפעלן
❑ פאר א טייל איז עס געפעלן און פאר א טייל נישט

**ד. וועלכע טייל איז זיי נישט געפעלן?**
❑ אלעס איז זיי געפעלן
❑ די גאנצע איז זיי נישט געפעלן
❑ פאר יעדעם האט נישט געפאלן א אנדערע חלק

**ה. ענדיג צו די ווערטער פון דעם רבי'ן - עס איז דא חכמות וואס מ'קען מיט זיי לעבן...**
❑ מיט וויייניג עסן און טרונקען
❑ מיט וויייניג שלאף
❑ אהן קיין עסן און טרונקען

**ו. פארוואס האט זיך דער מענטש אויפגעהאלטן אין די גוי'אישע שטעט?**
❑ ווייל ער האט דארטן גאר אסאך פארדינט
❑ ווייל א גאנצע צייט האט אים אויסגעזעהן אז יעצט וועט ער אויפטוהן וואס ער וויל
❑ ווייל א גאנצע צייט האט מען אים געזאגט אז יעצט וועט ער אויפטוהן וואס ער וויל

**ז. וואס האט דער לץ געוואוזן?**
❑ אז ער האט א שיינע פערד צו פארקויפן
❑ אז ער האט א שיינע אייזל צו פארקויפן
❑ אז ער האט א שיינע קעמל צו פארקויפן

**ח. פאר וויפיל געלט האט ער עס אפגעקויפט פון דעם לץ?**
❑ פאר 8 רענדלאך
❑ פאר 4 רענדלאך
❑ פאר 26 רענדלאך

**ט. פארוואס האט ער נישט פאקויפט?**
❑ ווייל מ'האט אים נאר געוואלט צאלן 2 אדומים
❑ ווייל ער האט עס געוואלט פאר זיך
❑ ווייל וויפיל מ'האט אים געוואלט צאלן האט ער געטראכט אז ס'איז ווערד טאפעלט

**י. פארוואס האט עס דער מלך נישט געקויפט?**
❑ ווייל ס'איז נישט געווען גענוג שיין פאר'ן קעניג
❑ ווייל דער מלך האט נישט געוואלט באצאלן אזוי סאך
❑ ווייל דער מענטש האט געטראכט אז מן הסתם איז עס ווערד נאכמער

**יא. וואס איז געשעהן ווען ער האט געוואלט געבן טרונקען פאר די פערד?**
❑ עס האט אים אויסגעזעהן וואו די פערד שפרינגט אריין אין א פלומפ (קראן – רער פון וואסער)
❑ די פערד איז אנטלאפן
❑ עס האט אים אויסגעזעהן וואו די פערד איז געשטארבען

**יב. פארוואס האט מען געשלאגען דעם מענטש?**
❑ ווייל ער האט זייער שטארק געשריגן
❑ ווייל ער האט געשלאגען די פערד
❑ ווייל ער האט געזאגט אז די פערד איז אריין געשפרינגען אין די פלומפ (רער וואסער), און ער האט אויס געזען משוגע

**יג. וואס האט ער געזעהן ווען ער האט געוואלט אוועק גיין פון דארטן?**
❑ אז די פערד איז געשטארבען
❑ אז דער פערד איז אינדרויסן
❑ אז דער פערד הייבט אהן ארויס שטעקן זיין קאפ פון די פלומפ (רער וואסער)

**יד. וואס האט ער געטוהן ווען ער האט עס געזעהן?**
❑ ער האט אנגעהויבן וויינען
❑ ער האט אנגעהויבן צו זינגען
❑ ער האט נאכאמאל אנגעהויבן צו שרייען

**טו. ווען און וואו האט דער רבי' דערציילט די מעשה? (עיין חיי מוהר"ן אות נ"ט)**
❑ פסח תקס"ז אין שטאט ברסלב
❑ שבועות תקס"ז אין שטאט אומן
❑ שבועות תקס"ז אין שטאט זאסלב

**טז. וואס זאגט דער רבי' אז מ'קען זיך לערנען פון די מעשה?**
____________________________________
____________________________________
____________________________________.

**אשרינו אז מיר לערנען דעם הייליגן רבינ'ס ספרים - מיט פיל הצלחה**

בעזהשי"ת

טייערע קינדער

# היכונו!

צום גרויסן

# מעמד סיום

על ספר הקדוש

# סיפורי מעשיות

על ידי צעירי הצאן
דחסידי ברסלב
מחזור ב'

מאנטאג פרשת חקת
**א' ד'ראש חודש תמוז**
**בשעה 4:00**
אין בית שמש

עס וועט זיין בעז"ה צו קויפן קארטלעך
אין בית שמש און ירושלים
זונטאג פרשת שלח

מער פרטים וועט מען קענען הערן
אין טעל-ליין קנעפל 3